
לעקסיקאָן
פון יידישן טעאטער
אמעריקע
ארגענטינע
פוילן
אורוגוויי
ישראל
בראזיל
מאטעריאלן
געזאמלט און
רעדאקטירט פון
זלמן זילבערצווייג
ביי דער נאָנטסטער
מיטארבעט פון
יעקב מעסטעל
קאמרי
אוהל
יידישער
קונסט
טעאטער
מאָסקווער יידישער
מלוכה טעאטער
פּאבליק
נעשאנאל
סעקאנד עוועניו טעאטער
ווינדזאָר
בויערי
טאליא
פּיפּעלס
ווארשע
אדעס
יאסי
דריטער באַנד
אַרויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער
יידישער אַקטיאָרן יוניאָן אין אַמעריקע
ניו יאָרק, 1959
פאַרלאַג „אלישבע"
י.ל.מארקאוויטש

# רעכצייט, סימאָר

[שמעון ישעיה]



געבוירן 18 יאַנואַר 1912 אין פּיעטריקאָוו, פּוילן. פאָטער — אַ חזן, וואָס איז נאָך זיין געבורט אַריבער קיין לאָדזש. געלערנט אין חדר און אין אַ שול. נאָך אַלס קינד זיך באַטייליקט מיט זיין ברודער יעקב און שוועסטער העלען אין קאָנצערטן און אַפילו אויפגעטראָטן אין סקעטשעס אַלס „וואונ־דער־קינד", שפּעטער אין קאָנצערטן איבער אייראָפּע און אין 1920 געקומען אין אַמעריקע. דעם 8 דעצעמבער 1923 טראָגט אַריין דער סעקרעטאַר אָוו סטעיט, יוז, אַ ספּעציעל געזעץ אין אימיגראַציע־קאָמיטעט פון קאָנגרעס אים צו דערלויבן בלייבן ווי אַן אימיגראַנט אין אַמעריקע, און כדי צו שטאַרקן אָט די ספּעציעלע דערלויבע־ניש, ווערט ר. פאַרבעטן, דעם 21 דעצעמבער 1923 אין ווייסן הויז




איינלאַדונגס־קאַרט צום קאָנצערט אין ווייסן הויז אויף וועלכן סימאָר רעכטצייט איז אויפגעטראָטן.

פאַר פּרעזידענט און מרס. קולידזש, אויפצוטרעטן אַלס „וואונדער־קינד" אין אַ קאָנצערט אין איטאַליעניש, ענגליש און יידיש.

אַ קורצע צייט דערויף טרעט ר. אַרויס אויף קאָנצערטן אין ניו יאָרק, פאָרט אַרום מיט „טרי קידס סוירקל" מיט אַן אַקט אין ענגליש און דערנאָך אין קינדער־ראָלן אין לענאָקס־טעאַטער. אין 1924 דעביוטירט ער אַלס „שייקע" אין באַדער־רומשינסקיס „דעם רבינס ניגון" אין סעקאָנד עווניו־טעאַטער און ווערט פון דאַמאָלט אָן אַ לעגיטימער אַקטיאָר, און שפּילט דעם סעזאָן 26־1925 אין לענאָקס־טעאַטער מיט וויינטרויב אין דער פּיעסע „דער יידישער שטערן", טרעט דערנאָך ווידער אויף אויף קאָנצערטן און פון צייט צו צייט אין געוויסע ראָלן אין פאַרשידענע טעאַטערס. אין 30־1929



ווערט ר. אַנגאַזשירט אַלס פאַט־קאָמיקער אין האָפּקינסאָן־טעאַטער, אין 31־1930 שפּילט ער אין פילאַדעלפיער „אַרטש סטריט"־טעאַטער, סעזאָן 32־1931 — אין פּראָספּעקט־טעאַטער, וואו ער באַגעגנט זיך מיט מרים קרעסין און האָט שפּעטער מיט איר חתונה. אין זעלבן סעזאָן (3 מערץ 1931) ווערט ער אויך אַ מיטגליד אין דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע.

זינט דעמאָלט שפּילט ר. ווי אַ פאַט־קאָמיקער אָדער ליבהאָבער אין די טעאַטערס פאַרקוועי, האָפּקינסאָן, סעקאָנד עוועניו און נעשאָ־נאַל מיט זיין פרוי מרים קרעסין.

אין 1936 האָט ר., צוזאַמען מיט יעטאַ צווערלינג, גאַסטראָלירט אין מעקסיקאָ.

ר. האָט זיך באַטייליקט אין די פילמען „שיר השירים" (מיט סעמיועל גאָלדענבורג) אַלס „היימי", אין „איר צווייטע מאַמע" פון יצחק פרענקעל, און „דער יידישער ניגון" פון חיים טויבער, א. אַ.

ר. איז געווען פון די ערשטע זינגער אויף דער יידישער ראַדיאָ און האַלט אָן, ווי דאָס עלטסטע יידישע ראַדיאָ־פּראָגראַם, פאַר אייניקע און צוואַנציק יאָר, זיין פּראָגראַם „טהי מעלאָדי באַקס" אויף WEVD. ר. איז אויך געווען איינער פון די ערשטע טעלעוויזיע־שוישפּילער אויפצוטרעטן אין יידיש, פריער אַליין, נאָכדעם מיט זיין פרוי, מרים קרעסין.

ר. האָט רעקאָרדירט פאָלגנדיקע יידישע רעקאָרדס: „פאַרטרייבט די זאָרגן", „מירעלע", „ביזט מיין קרוין", „דעם רבינס ניגון", „האַרץ מיינס", „אַביסל פריער", „מיאַמי ביטש ראָמבא", „איך בין אַ נאַר", „אַ היימישער בולגאַר", „אַ מיידעלע ווי דו", „אַ חתונה אין שטעטל", „טיאָך, טיאָך, טיאָך", „פריילעך זאָל זיין", „פילאָ־מאַר", „חתונה ליד", „אַזוי ווי דו ביזט", „נישט געדאגהט", „מיידע־לע", „מיין יידישע מאַמע", „מיסערלו", „בעלז", „איך זינג", „שיינע מלכה", „שטאַרקער פון ליבע", „חופּה טאַנץ", „דער נייער שער", „דער אַלטער ציגיינער", „איציקל קלעזמער", „עפנט אויף די טיר", „קיינמאָל", „פריילעך לאַנד", „ליבע", „יידישקייט", „זלאַטאָפּאָל", „מזל", „דער עניוואוירסערי וואלס", „טיף ווי די נאַכט", „אַ האָפּ־קעלע", „דו, די זון און די שטערן", „שלום־טאַנץ", „יונגעלע, וויין ניט", „ציגיינער־ניגונים", „היבריו מעלאָדי", „אוי, וואָלט איך גע־וואָלט", „יאַנקעלע", „ביזט מיר מזלדיק, רחלע", „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען", „דער יידישער ניגון", „איך האָב דיך צופיל ליב", „זאָג מיר צו", „פאַרגעס מיך ניט", „מיין פריילעך ליד", „שוואַרצע אויגן", „טאַנגא מאַרגעריטאַ", „אינטערמעצא", „מיין שטעטעלע בעלז (רומבאַ)", „אין דער ליבע", „אונדזער יידיש פאָלק", „שפּיל, קלעזמער, שפּיל", „כ׳וועל אייביק דיך געדענקען", „שפּעט ביינאַכט", „מיין האַרץ גייט מיר אויס פאַר דיר", „אוי ווייי, איירין", „טענעסי וואלס", „אַזוי לאַנג", „דער שכור קלאַפּער", „קיינמאָל ניט געקושט", „איך וויל דיך ליבן", „מיראַזש", „איך וויל אַ וועיטער", (און צוזאַמען מיט מרים קרעסין) „בעט מיך אַביסעלע", „ענדהשאַי יור־סעלף", „דו און איך", „צאנה צאנה", „איר זענט פאַרליבט", (און צוזאַמען מיט די בייגעלמאַן־שוועסטער) „דער נייער שער" און „דער אַלטער ציגיינער".

ר. איז אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיוו פון „ראַדיאָ גילד", אַ מיטגליד אין קאָמיטעט פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" און זינט 1956 פּרעזידענט פון דער יידישער אַקטיאָרן יוניע.

מ. ע.

מ. ירדני — צווישן אידישע קינסטלער, „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, 6 מערץ 1958.